# קאָמעדיעס

## שלום עליכם אַלע ווערק

### די אַסיפֿה: אַ „ריינע קאָמעדיע“

די נעמען פֿון די פּאַרשוינען

*ראַבינער*, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, געענדיקט 4 קלאַסן, טראָגט בלויע ברילן.

*ראַבינערשע*, זײַן ווײַב. אַ יונג ווײַבל.

*ברוך־הערש*, אַ בעל־הלוואה. ניט גאָר קיין יונגערמאַן, אָבער אויך ניט קיין אַלטער ייִד. רײַבט זיך צווישן יונגע לײַט.

*שימחה*, אַ נגידישער יונגערמאַן. האַלט די טאַקסע.

*אַברהמל*, אַ יונגערמאַן אַ „משׂכּיל“. גיט וואָכער.

*אַהרצע*, נאָר וואָס פֿון קעסט. שטופּט זיך צו די גרויסע.

*בנצע*, זיצט נאָך אויף קעסט. קוקט אַהרצען אין די ציין אַרײַן.

*מאָטל*, *יענקל*, *יוסל*, *הערשל*, *בערל*, *אַנשל*, *איצל*, בחורים, וואָס לייענען גאַזעטן.

*לייבקע*, אַ שמשׂ.

*די סצענע קומט פֿאָר אינעם סוף פֿונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, אין אַ קליין שטעטל, פּונקט צווישן מאַקאַרעווקע און צווישן סטרישטש, אין דער סבֿיבֿה פֿון מאַזעפּעווקע, בײַם ראַבינער אין שטוב, שבת־צו־נאַכטס נאָך הבֿדלה.*

דער עולם גייט אַרום איבער דער שטוב. מע רייכערט, מע רעדט. עס איז אַ געפּילדער ביזן הימל. דער ראַבינער זעצט זיך אַוועק בײַם טיש.

*ראַבינער*: ששששאַ! שאַ! איך בעט מײַנע ליבע געסט זיך זעצן אַרום טיש און אויסהערן קודם־כּל דעם „דאָקלאַד“, וואָס איך וועל אײַך דאָ פֿאָרלייענען, בכדי מיר זאָלן זיך קאָנען גוט פֿאַרשטיין, צו וואָס האָבן מיר זיך דאָ צונויפֿגעקליבן. זעצט זיך, זעצט זיך. *נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פֿון דער זײַט־קעשענע און לייענט.* „היות...“

*שימחה*: ראשית־חכמה, איר זײַט דאָך עפּעס, ווי זאָגט ער, אַ ראַבינער בײַ אונדז; הייסט דעם שמשׂ, לאָזט ער אַקאָרשט ברענגען דעם ביטערן טראָפּן און טאַקע פֿאַרבײַסן אויך.

*ראַבינער*: *צום שמשׂ.* רב לייב! ווייסט איר וואָס? טוט אָ שפּרונג אויף איין פֿוס... שאַ! *צום ווײַב.* קום נאָר אַהער, מײַן האַרץ! הערינג האָסטו דאָך מסתמא? הייס, נשמה מײַנע, דערווײַל צוגרייטן פֿאַרבײַסן און...

*ברוך־הערש*: איך האָב געמיינט — אי־פֿע, אַ חרפּה, אַ בושה, כ'לעבן! נאַ דיר גאָר הערינג אין מיטן שבת־צו־נאַכטס! ביי לײַטן האָב איך געזען אויף אַן אַסיפֿה...

*אַבֿרהמל*: ע! שלאָגט זשע ניט איבער אינמיטן! מע לייענט דאָך עפּעס, דאַכט זיך, האַ?

*שׂימחה*: מאָלט אײַך, קיין עוולה וואָלט ניט געווען, אַז די רביצין זאָל געווען צוגרייטן אַ באָרשטשל, אָבער אַזוי, אַ וואָלכיש טאַקע, ווי זאָגט ער...

*ראַבינערשע*: אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טובֿ, טאָמער איז קאַרג! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז פּלוצעם, אינמיטן מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס...

*ראַבינער*: שאַ! שלאָג זשע ניט איבער, מאַמעטשקע! זעסט דאָך, אַז מע טוט עפּעס! *לייענט ווײַטער.* „היות... "

*לייבקע*: נו, ווער גיט געלט? מע באַדאַרף דאָך עפּעס געלט אויף משקה, צי ניין?

*ברוך־הערש*: נו, יונגעלײַט, וואָס שווײַגט איר?

*אַהרצע*: חבֿרה בחורים, רוקט זיך אַקאָרשט אַרויס מיט די מזומנים!

*בנצע*: מיט די מזומנים אַקאָרשט!

*בחורים*: *אַלע אײנאײנעם.* לאָמיר שוין הערן עפּעס! מיר זײַנען ניט געקומען אַהער בראָנפֿן טרינקען. מע טוט דאָך עפּעס אין אַן ענין! לאָז מען אָפּלייענען, וועט מען נאָכדעם הערכן וואָס, ווער, ווּעמען! *מע רוקט אַרײַן דעם שמש עטלעכע זילבערנע מטבעות.*

*ראַבינער*: *הוסט און לייענט.* „היות...

*ראַבינערשע*: ניטאָ קיין הערינג, אויסגעגאַנגען! וואָס טוט מען?

*ראַבינער*: נו, קויפֿט מען, אַז ס'איז ניטאָ! אָבער לאָז צורו! שוין וויפֿל מאָל אָנגעהויבן — אַ מעשׂה אָן אַן עק! *לייענט.* „היות... כּפֿי אַזוי ווי הײַנטיקע צײַטן אָט דאָ זעען מיר ייִדן נעבעך מוטשען זיך פּשוט, ווערן אויסגעריסן... "

*ברוך־הערש*: וואָס לייענט ער דאָס?

*שׂימחה*: ווייס איך! אַ „רעטש *[речь :רעדע]*", אַ פּנים.

*אַהרצע*: שאַ! לאָז זײַן שטילער אַ ביסל! מע לייענט דאָך עפּעס!

*בנצע*: איר זעט דאָך, אַז מע לייענט, זעט איר דאָך!

*בחורים*: *אַלע.* שאַ! ששאַ! שששאַאַאַ!

*ראַבינער*: *הוסט און לייענט.* „היות... ", ניין, ווו האַלט איך? יאָ... „אויסגעריסן, קיין פּרנסה איז ניטאָ, מע שלאָגט, מע יאָגט, מע רײַסט, מע בײַסט, מע סיפּעט, מע ציפּעט — ס'איז שלעכט! מענטשן פֿאַלן אין די גאַסן, מע גייט אויס פֿאַר הונגער נעבעך. אומעטום, אין אַלע ערטער, האָבן זיך געפֿונען, ווי ס'איז אײַך באַקאַנט, מענטשן אָרנטלעכע, געבילדעטע מענטשן, געלערנטע מענטשן, מענטשן, קאָן מען זאָגן, מיט אַ פֿאַרשטאַנד, מענטשן גוטע, הומאַנע מענטשן, מענטשן וואָס זאָרגן לטובֿת־הכּלל,

מענטשן וואָס טוען זייער פֿיל פֿאַר זייערע אָרעמע ברידער, יעדער העלפֿט ווי ווײַט מעגלעך, מיט וואָס ער קאָן. מע מאַכט אַסיפֿות, מע קלײַבט געלט, מע טיילט צדקות — הכלל, מע טוט, מע אַרבעט, מע שלאָפֿט ניט. אומעטום הערט מען: *קאָמיטעט*, *עמיגראַציע* … "

*ברוך־הערש*: יאָ, איך בעט אײַך, הער ראַבינער, מאַכט מיר קלאָר, וואָס איז דער ענין פֿון דער *עמיגראַציע*? איך הער, מע רעדט אַלץ: „עמיגראַציע, עמיגראַציע!"

*אַהרצע*: אַך, שלאָגט ניט איבער! לאָזט קאָנטשען, וועט איר נאָכדעם פֿרעגן!

*בנצע*: פֿרעגן וועט איר נאָכדעם פֿרעגן.

*שׂימחה*: ס'איז דיר נאָר אַן אַקציע מיט אַ ייִדן! יענער פֿרעגט, ער וויל וויסן — פֿרעגט ער!

*אַבֿרהמל*: יאָ פֿרעגן — מע דאַרף דאָך אָבער אויסהערן פֿריִער! לייענט, לייענט!

*ראַבינער*: *לייענט ווײַטער.* „עמיגראַציע, אַמעריקע, פּאַלעסטינע. אומעטום טוט מען לטובֿת־הכלל. אויף די גאַזעטן לייענען מיר: דאָ איז דאָס, דאָרט איז יענץ, חבֿרות זײַנען פֿאַראַן שוין כמעט אויף דער גאַנצער וועלט — אין מאַקאַרעווקע, אין קאַשפּעראָוו, איז יאַמפּעלע. אַפֿילו אין סטרישטש איז אויך דאָ אַ חבֿרה. אַ חרפּה, אַ בושה — אַזאַ שטאָט, ווי אונדזער שטעטל איז, ייִדן, אָן עין־הרע, אַזוי פֿיל, זאָלן זיך נאָר מערן… "

*ברוך־הערש*: זאָלן זיך מערן? גאָר קיין נאַר ניט אונדזערער ראַבינער, כ'לעבן!

*אַבֿרהמל*: בקיצור, ווערטלעך אָן אַ זײַט — מע לייענט דאָך עפּעס!

*בחורים*: *אַלע.* אָבער לאָז האָבן אַן עק! לייענט! לייענט!

*ראַבינער*: „אַזוי פֿיל ייִדן, אָן עין־הרע"… המ… המ… איך מיין טאַקע באמת… צײַט עפּעס אָנהייבן צו טאָן אונדז אויך, עפּעס אין זינען האָבן טובֿת־הכלל… "

*ברוך־הערש*: בכן, נו, איז וואָס?

*אַבֿרהמל*: בראָש האָט איר מער קיין צײַט ניט פֿון דער גאַנצער וועלט!

*בחורים*: *אַלע.* לייענט! לייענט!

*ראַבינער*: „על־כּן איז געבליבן בהסכּם… בהסכּם פֿון אונדזערע יונגעלײַט און בחורים, משׂכּילים, געבילדעטע, ייִנגלעך וואָס האָבן ליב השׂכּלה, וואָס לייענען אַ בלאַט און וואָס וויסן וואָס אויף דער גאָרער וועלט טוט זיך, וואָס נעמען זיך אָן, וואָס פֿאַרשטייען, וואָס פֿילן, וואָס… "

*ברוך־הערש*: נו, בקיצור, לאָמיר שוין הערן וואָס?

*אַבֿרהמל*: האָסטו געזען?! אַ ייִד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט! האָט קיין צײַט ניט אַ ביסל!

*בחורים*: *אַלע.* נו, לייענט, לייענט!

*ראַבינער*: „וואָס פֿאַרשטייען, וואָס פֿילן, וואָס גיבן אַכטונג, וואָס זעען, וואָס הערן, וואָס ווייסן, וואָס ווייסן, ווי ווײַט שלעכט ס'איז אונדז הײַנטיקע צײַטן, — לכן איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך הײַנט צונויפֿקלײַבן דאָ בײַ מיר און אַלע אין איינעם דאָ עפּעס אָנהייבן צו קלערן און טאַקע טאָן אויך עפּעס לטובֿת־הכּלל, ווי בײַ לײַטן, בכדי מיר זאָלן זיך ניט דאַרפֿן שעמען פֿאַר די איבעריקע שטעט אַרום און אַרום, און מע זאָל זען, ראשית־חכמה... “

*שׂימחה*: נו, אַדרבא, ס'איז טאַקע אַ יושר.

*ברוך־הערש*: איך פֿאַרשטיי ניט וואָס? ס'איז בײַ אונדז דען ניטאָ קיין חבֿרות? קאַרג צדקה ווערט צעטיילט בײַ אונדז אַ יאָר? וויפֿל פֿאַלט אַרײַן בײַ אונדז מעות־חיטים? הײַנט די טאַקסע?!...

*שׂימחה*: אַך, לאָזט צורו! ניט דאָס מיינט מען!

*ברוך־הערש*: וואָס דען מיינט מען? לאָמיך וויסן.

*אַהרצע*: איר האָט דאָך געהערט! אָט דאָס, וואָס דער ראַבינער האָט געלייענט.

*בנצע*: איר האָט דאָך געהערט וואָס מע לייענט וואָס!

*ברוך־הערש*: וואָס טויג מיר וואָס ער לייענט! הערט צו, וואָס איך וועל אײַך זאָגן!

*אַבֿרהמל*: וואָס טויג מיר דאָס זאָגן אײַערס, וואָס איר וועט זאָגן! איך ווייס פֿריִער, וואָס איר וועט זאָגן! אײַך און שׂימחהן ליגט אין קאָפּ די טאַקסע. וואָס חלומט זיך אַ הון? — פּראָסע!

*שׂימחה*: אַ משל! דאָס איז יאָ, ווי מע זאָגט: אַז ציבעלע איז ציבולי, און קנאָבל קנאָבולי... ווער פֿרעגט דיך ווער?

*בחורים*: *אַלע*. אָבער שלאָגט ניט איבער! לאָזט אַ ייִדן ריידן!

*אַהרצע*: וואָס ווערט פֿון דעם ריידן? מע דאַרף עפּעס טאָן!

*בנצע*: טאָן באַדאַרף מען!

*ראַבינער*: „און מע זאָל זען, ראשית־חכמה... “

*ברוך־הערש*: נו? געלט מסתּמא? וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו טענהן אַ סך?

*שׂימחה*: הערסטו? געלט? אָט דאָס מיינט דער פּסוק? ס'אַ קיטניות!!!...

*אַברהמל*: נו, און אַז געלט, איז וואָס? וואָס זשע האָט איר זיך דאָ אַזוי דערשראָקן?

*אַהרצע*: מע באַדאַרף אָבער באַקלערן, ווי אַזוי געלט? ווי אַרום געלט? ס'איז קיין קונץ ניט גלאַט אַזוי — „זשיד, דאַוואַי הראָשע [*ייִד, קום, דו קליינער*: *жид, давай хроше*]!“ דערויף האָבן מיר דאָך געמאַכט אַן אסיפֿה, אַז מע זאָל באַקלערן דעם ענין אַקוראַט!

*בנצע*: פֿאַרשטייט זיך, מע באַדאַרף באַקלערן דעם ענין אַקוראַט!

*אַבֿרהמל*: אַז מע לאָזט אָבער ניט ריידן. איינער דעם אַנדערן שלאָגט איבער, טויג דאָך אויף כּפּרות! לייענט, לייענט ווײַטער!

*בחורים*: לייענט, לייענט!

*ראַבינער*: „באַדאַרף מען זען, ראשית־חכמה, אַז... “

*ברוך־הערש*: אַז וואָס?

*אַבֿרהמל*: הערט שוין אויס אַ ווײַלע!

*ראַבינער*: „ראשית־חכמה, אַז אונדזערע נגידים... “

*שימחה*: אונדזערע נגידים?! באַלד עפּעס — טוט מען זיך אַ וואָרף צו די נגידים!

*אַהרצע*: אײַ, לאָזט צורו! פֿאַרוואָס זאָלט איר איבערשלאָגן אַלע מאָל?

*בנצע*: למאַי זאָל מען איבערשלאָגן למאַי?

*ראַבינער*: „אַז אונדזערע גבֿירים מיט די נגידים מיט די באַלעבאַטים, מע זאָל זיך צונויפֿלייגן, מאַכן אַ... “

*ברוך־הערש*: נו, דאָס האָב איך געוווּסט פֿריִער! אויפֿגעטאָן אַ נײַס! פּונקט דאָס זעלביקע, וואָס פֿאַראַיאָרן אין דער צײַט!

*אַבֿרהמל*: אַ היסטאָריע דיר מיט דעם ייִדן! לאָזט ניט ריידן יענעם אַ וואָרט!

*ברוך־הערש*: ווייסט איר וואָס, רב ראַבינער? וואָס טויג די אַלע משׂא־ומתּנס — זאָגט בקיצור, וואָס באַדאַרף מען טאָן?

*שימחה*: בקיצור? מע באַדאַרף קודם־כּל אויסקלײַבן דאָ אויף דער אַסיפֿה גבאָים, אַ נאמן, טשלענעס *[член: מיטגליד]* הייסט דאָס.

*אַבֿרהמל*: טשלענעס? מי ומי ההולכים?

*אַהרצע*: וואָס הייסט ווער? מיר טאַקע אַליין.

*בנצע*: טאַקע מיר אַליין טאַקע!

*שימחה*: שאַ! לאָזט זיך דינען! קודם־כּל דאַרף מען...

*מאָטל*: ניין! מע באַדאַרף פֿריִער גוט אָפּקלערן...

*יענקל*: וואָס אָפּקלערן?

*יוסל*: דאָס הייסט, אויפֿשרײַבן דאָס אַלץ אויף פּאַפּיר און...

*הערשל*: אין סטרישטש איז אַנדערש. דאָרט האָבן זיי פֿריִער אַוועקגעשריבן אַ בריוו קיין פּיטערבאַרג...

*בערל*: ער דערציילט מיר סטרישטש! איך קום ערשט צו פֿאָרן פֿון סטרישטש פֿאַר יום־טובֿ, זאָגט ער גאָר דאָס!

*אַנשל*: מאַלע וואָס איז די נפֿקא־מינה — צי אַזוי, צי אַזוי?

*איצל*: ס'אַ גרויסער חילוק, נאַר! איך וועל דיר ווײַזן דעם לעצטן נומער „המגיד“! *שלעפּט פֿון קעשענע דעם נומער „המגיד“, און צווישן די בחורים ווערט אַ גערעדערײַ.*

*ברוך־הערש*: לאָז זײַן שטיל, יונגעלײַט! אַז עלטערע ריידן, באַדאַרפֿן יונגעלײַט שווײַגן.

*יענקל*: ס'איז אַ סבֿרה, אַז אין די ענינים האָבן די יונגעלײַט פּונקט אַזאַ דעה, ווי די אַלטע ייִדן.

*שׂימחה*: אין באָד וועט איר זאָגן אַ דעה, ניט דאָ. דרך־ארץ!

*יוסל*: *צו די איבעריקע בחורים.* נו, האָב איך דען ניט געזאָגט, ס'וועט אַזוי זײַן?

*שׂימחה*: שאַ! ווייסט איר וואָס? אָט הערט אויס. איך וועל אײַך זאָגן נאָך צוויי ווערטער! *קריכט אויפֿן טיש.*

*אַבֿרהמל*: שלשה־דבֿרים — צוויי ווערטער אויף פֿיר זייגער־שעה.

*אַהרצע*: *אויפֿן טיש.* אַז איר ווילט מיך פֿאָלגן, וועל איר אײַך זאָגן גאָר אַן אַנדער פּלאַן.

*בנצע*: גאָר אַן אַנדער מין פּלאַן גאָר!

*בחורים*: *אַלע.* נו, אַדרבא, זאָגט, זאָגט!

*ברוך־הערש*: *האַלט צו שׂימחהן דאָס מויל מיט דער האַנט.* לאָז אַ ייִדן ריידן!

*שׂימחה*: *רײַסט אַראָפּ די האַנט און שרײַט.* לאָז מען קלײַבן גבאָים על־פּי גורל!...

*אַהרצע*: ווייס איך וואָס — גורל! רעדסט ווי אַ דולער!

*בנצע*: ווי אַ דולער רעדט ער!

*אַבֿרהמל*: ניין, לאָז אויסריידן!! האָסטו געהערט, ווי מע לאָזט ניט ריידן קיין וואָרט? ס'איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע מיט אַ ייִדן!

*שׂימחה*: סע טויג ניט! דאָס בעסטע איז, ווען איר זאָלט מיר פֿאָלגן!

*ברוך־הערש*: פּאַק איך מיין... איך מיין גאָר אַן אַנדער מין מיין.

*ראַבֿינער*: לאָמיך שוין אַרויסזאָגן מײַן מיין, וועט איר נאָכדעם אַרויסזאָגן אײַער מיין!

*בחורים*: *אַלע.* דער ראַבֿינער! דער ראַבֿינער לאָז זאָגן!

*ברוך־הערש*: וואָס וועט ער זאָגן? מע ווייס פֿריִער וואָס ער וועט דאָרטן זאָגן: ער וועט זאָגן „געלט“ — מע ווייס דאָס!

*אַבֿרהמל*: וואָס טויג מיר מעשׂיות, רב ברוך־הערש? איר זײַט אַ גוטער נודניק. לאָזט אויסריידן אַ וואָרט, וועט איר אײַך נאָכדעם זאָגן!

*ברוך־הערש*: מילא, נו, געפּועלט, געפּועלט! *מאַכט צו דאָס מויל מיט דער האַנט און שווײַגט.*

*ראַבֿינער*: „... מע זאָל אָנהייבן זאַרגן לטובֿת־הכּלל... “

*ברוך־הערש*: וואָס פֿאַר אַ טובֿת־הכּלל? אַ גאַנצע נאַכט „טובֿת־הכּלל“!

*אַבֿרהמל*: ע! מע האָט דאָך גערעדט, ס'זאָל זײַן שטיל!

*ברוך־הערש*: נו, נו! בקיצור! געפּועלט, געפּועלט.

*ראַבֿינער*: „און מע זאָל טאַקע אָנהייבן עפּעס טאָן אויך לטובֿת־הכּלל... “

*ברוך־הערש*: שאַ! האָסטו געהערט, אַ ייִד קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן אַ מינוט? ס'איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע און גענוג!

*ראַבֿינער*: „בכדי מע זאָל קאָנען עפּעס טאָן לטובֿת־הכּלל, איז ניט דער עיקר די טשלענעס. טשלענעס וועלן זײַן גענוג... “

*ברוך־הערש*: וואָס פֿאַר טשלענעס? אַן אופּראַווע בײַ אײַך, צי וואָס?

*אַהרצע* און *בנצע*: נו, לאָז זײַן גבאָים.

*בחורים*: *אַלע.* ניין, טאַקע טשלענעס! פֿאַרוואָס ניט קיין טשלענעס טאַקע?

*אַבֿרהמל*: בקיצור, טשלענעס, גבאָים — ס'אַ נפֿקא־מינה אַ ביסל!

*שׂימחה*: ווי אַזוי זשע וועלן מיר דאָס קלײַבן די גבאָים?

*אַהרצע* און *בנצע*: וואָס הייסט, ווי אַזוי? מיר וועלן נעמען און וועלן אויסקלײַבן טאַקע צווישן זיך, אָט־דאָ־אָ.

*מאָטל*: ווייסט איר וואָס? איך וואָלט געזאָגט אַזוי: איך האָב געלייענט יענע וואָך אין בלאַט, שרײַבט דאָרט איינער...

*יענקל*: *שטופּט אָפּ מאָטלען.* שאַ! ניין, דאָס טויג ניט! איך וועל אײַך זאָגן, ווי אַזוי!

*יוסל*: אָט האָט זיך געפֿונען אַ בעל־יועץ — *ער* וועט זאָגן!

*הערש*: נו, זאָג *דו*, לאָמיר הערן, אַדרבא!

*בערל*: פֿאַראַן עלטערע דאָ, לאָזן זיי זאָגן.

*אַנשל*: *שפּרינגט אַרויס.* עלטערע, ייִנגערע — זאָגן מעג זיך איטלעכער זאָגן. דערויף איז דאָס אַן אַסיפֿה!

*איצל*: *שלעפּט דעם „המגיד“.* דער „המגיד“ זאָגט... אין „המגיד“ שרײַבט איינער אַ קאָרעספּאָנדענציע...

*ברוך־הערש*: שיבֿעה דבֿרים בגולם! יונגעלײַט האָבן דיר קיינמאָל קיין צײַט ניט!

*שׂימחה*: נו, זאָגט זשע איר, ווי אַזוי?

*אַבֿרהמל*: *אויפֿן טיש.* איך וואָלט געזאָגט גאָר אַנדערש. מע באַדאַרף גאָר בײַ די עלטערע באַלעבאַטים ניט פֿרעגן; זיי מאַכן תּמיד קאַליע. לאָמיר אויסקלײַבן דאָ צווישן זיך טאַקע גבאָים. מיר זײַנען דאָך אַלע דאָ, לאָמיר נעמען און וואַרפֿן גורל, ווער ס'זאָל זײַן גבאי, ווער נאמן, ווער אַ רואה־חשבון...

*ברוך־הערש*: אַלע? נאַ דיר גאָר אַלע! גאַנץ ק"קעלע־קהל? אַ שײַנדעלע!

*בחורים*: *אַלע.* פֿאַרוואָס ניט אַלע?

*ברוך־הערש*: אפֿשר יונגע צוציקלעך אויך? „יעמוד עם כל הנערים“ הייסט דאָס?

*בחורים*: *אַלע.* פֿאַרוואָס דען ניט? היינט פֿירן די וועלט נאָר די יונגעלײַט. לייענט אויפֿן בלאַט, וועט איר זען.

*ראַבינער*: צו וואָס טויג דאָס שפּאַרן, וואָס איר שפּאַרט זיך דאָ, אַז איר ווייסט נאָך גאָרניט וואָס און ווען? וואָס וועט אַרויסקומען פֿון גבאָים, אַז מיר האָבן קיין געלט ניט?...

*אַהרצע*: ניין, סע טויג ניט אַזוי!

*בנצע*: אַזוי טויג עס ניט!

*אַבֿרהמל*: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס טויג ניט? האָסט נאָך גאָר ניט געהערט, און זאָגסט שוין, אַז סע טויג ניט? ס'איז אַ ריינע קאָמעדיע!

*שׂימחה*: *אויפֿן טיש.* פֿאָלגט זשע איר מיך, וואָס איך וועל אײַך זאָגן!

*ברוך־הערש*: *שלעפּט אים.* לאָזט זשע זיך דינען! הערט וואָס איך וועל אײַך זאָגן!

*שׂימחה*: *רײַסט זיך אויס.* ניין, שמעני, הערט מיר צו!

*ברוך־הערש*: *כאַפּט שׂימחהן פֿאַר אַ האַנט.* וואָס איז פֿאַר אַ הפֿקרות — ניט לאָזן יענעם אויסריידן אַ וואָרט, האַ?

*שׂימחה*: ווער לאָזט אײַך ניט ריידן? רעדט אײַך געזונטערהייט!

*ברוך־הערש*: לאָז מען קודם־כּל אויסקלײַבן גבאָים פֿון די עלטערע יונגעלײַט, וואָס זײַנען דאָ.

*אַהרצע*: וואָס עפּעס פֿון די עלטערע גראָד?

*בנצע*: באַלד עפּעס די עלטערע?

*ברוך־הערש*: איטלעכער בעל־דרשן דרשעט פֿון זײַנעט וועגן.

*אַבֿרהמל*: ס'איז דיר אָבער טאַקע נאָר אַ ריינע קאָמעדיע! לאָזט מיך אויסריידן, נאָכדעם וועט איר אײַך זאָגן וואָס איר ווילט!

*ראַבינער*: *שטייט אויף, טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש.* שאַט! עטלעכע ווערטער, ניט מער! וואָס האָבן מיר זיך דאָ צונויפֿגעקליבן? זיך קריגן? שרײַען? פּילדערן? צי טאַקע עפּעס אין זינען האָבן אַן ענין, האַ? איך האָב געמיינט, אַז מיט יונגעלײַט קאָן מען עפּעס מאַכן, צום סוף — ווער? וואָס? נאָך ערגער ווי מיט עלטערע מענטשן! וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס? — פֿרעג איך אײַך! אַ פֿרעמדער מענטש זאָל שטיין דאָ בײַ דער זײַט, וואָלט ער דאָך פֿון אונדז חוזק געמאַכט, באַשרײַבן אויף די גאַזעטן!

*בחורים*: *אַלע.* גערעכט, גערעכט!

*שׂימחה*: באַשרײַבן אויף די גאַזעטן? *קוקט אויף איצלען.* אַנו, לאָז זיך נאָר עמעצער פּרווון פֿון אונדזערע בחורימלעך באַשרײַבן דאָס אויפֿן בלאַט!

*איצל*: *שפּרינגט אַרויס.* וואָס זשע האָט איר אַזוי אָנגעשראָקן? אַז מע וועט וועלן, וועט מען אײַך טאַקע באַשרײַבן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אַז איר וועט זיך מיט קיין צען וואַסערן ניט אָפּוואַשן!

*ברוך־הערש*: *צו איצלען.* אַ, דו שנעק אײנער! די נאָז וויש אָפּ! וואָס זאָגסטו אויף זײַן טאַטן דעם אָנזעצער?! ער וועט אונדז באַשרײַבן אויף די גאַזעטן! אַ שרײַבער געוואָרן גאָר! אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ אײנער!

*מאָטל*: *צו איצלען.* מיט אַ פּראָצענטניק שטעלסטו זיך אַוועק אויסטענהן! דו קענסט זיי ניט — די פֿאַנאַטיקער, די פּיאַווקעס?!

*שימחה*: די פּיאַווקעס? אַ, דו שגץ אײנער, עזות־מחוצף־פּנים! אַ ייִדן מיט אַ באָרד שטעלסטו זיך זידלען? דו מײנסט, סע איז די טאַקסע, וואָס איר האָט זי באַשריבן אויפֿן בלאַט?! *עס ווערט צווישן עולם אַ סומאַטאָכע. דער ראַבינער האַלט זיי אײַן.*

*ראַבינער*: אין גאָטעס ווילן! עס וועט דאָך זײַן אַ חרפּה, אַ בושה פֿאַר לײַטן, אַז מיר וועלן זיך אַזוי צעגיין! מע וועט זאָגן: יונגעלײַט האָבן קיין שׂכל ניט פֿון דאַנען אַהין. האָבן מיר זיך שוין צונויפֿגעקליבן, באַדאַרפֿן מיר עפּעס מתקן זײַן.

*אַבֿרהמל*: נו, אַדרבא, נו? לאָז מען עפּעס טאָן!

*אַהרצע*: *צו ברוך־הערשן מיט שימחהן.* איר זײַט דאָך עפּעס עלטערע! נו, זאָגט איר, לאָמיר הערן.

*בנצע*: נו, אַדרבא, נו, לאָמיר הערכן לאָמיר.

*ברוך־הערש*: האָב איך דאָך אײַך געזאָגט! נו, מישן זיך אַרײַן די ייִנגלעך אינמיטן. איך זאָג: עס וועט גאָרנישט זײַן דערפֿון, מחמת...

*שימחה*: ס'איז אַ טעות, רב ברוך־הערש, כּ'לעבן, אַ טעות! אָט הערט מיך אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן.

*אַהרצע*: נו, זאָגט זשע איר, אַז איר לאָזט יענעם ניט זאָגן.

*בנצע*: נו, אַדרבא, אַדרבא?

*שימחה*: לאָז מען קודם־כּל קלײַבן גבאָים; נאָכדעם וועט מען שוין וויסן וואָס צו טאָן.

*ראַבינער*: וואָס זשע, גלאַט גבאָים? מע באַדאַרף דאָך פֿריִער אָפּקלערן אַרום וואָס צו טאָן!

*אַבֿרהמל*: ניין, שימחה איז גערעכט: פֿריִער באַדאַרף מען קלײַבן גבאָים, טשלענעס.

*בחורים*: טשלענעס, טשלענעס!

*אַהרצע*: מי ומי הטשלענעס?

*בנצע*: ווער זײַנען די טשלענעס ווער?

*ראַבינער*: טשלענעס וועלן זיך געפֿינען. ניט דאָס איז דער עיקר. איך האָב געוואָלט פֿריִער איבערלייענען אײַך דעם דאָקלאַד...

*ברוך־הערש*: ווידער „דאָקלאַד“? ער האָט דאָס צו טאָן מיטן דאָקלאַד!

*אַבֿרהמל*: אָבער שלאָגט ניט איבער! ס'איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע און געוווּנג!

*בחורים*: *אַלע.* לאָזט ריידן דעם ראַבינער אַ וואָרט. וואָס טוט זיך דאָ?

*ראַבינער*: איך וואָלט געזאָגט אַזוי. קודם־כּל, אַזוי ווי מיר זײַנען אַלע דאָ, וואָלט געווען אַ יושר, אַז...

*ברוך־הערש*: דבֿרים־בטלים!

*ראַבינער*: *קוקט אויף דער ראַבינערשע, בשעת יענע גרייט צום טיש, שטעלט בראָנפֿן מיט פֿאַרבײַסן.* אַ ריינער אומגליק! מע לאָזט ניט אויסריידן קיין וואָרט! אויף ריידן איז איטלעכער אַ בעלן, נאָר הערן וויל קיינער ניט... איז דאָס ניט קיין קאָמעדיע? זאָג שוין דו אַליין, נשמה מײַנע!

*ראַבינערשע*: *קנײַטשט מיט די פּלייצעס.* אַ ריינע קאָמעדיע!

*שׂימחה*: *קריכט אויפֿן טיש.* מיר האָבן דאָ אַ גבאי, אַ נאמן, אַ קאַזנאַטשיי מיט טשלענעס. וואָס באַדאַרף מען נאָך?

*אַהרצע*: מי ומי?

*בנצע*: ווער איז, ווער?

*אַבֿרהמל*: *אויך אויפֿן טיש.* שׂימחה, ברוך־הערש און דער ראַבינער זײַנען די גבאָים, און...

*אַהרצע*: נו, און ווײַטער?

*בנצע*: און ווײַטער וואָס?

*אַבֿרהמל*: הײַנט אַ נאמן... צוויי נאמנים...

*שׂימחה*: טאַקע אַהרצע מיט בנצען? נו, און אַבֿרהמל?

*ברוך־הערש*: *שלעפּט אַפּ שׂימחהן מיט דער האַנט.* אַז ס'איז יאָ אַזוי, איז איינער אַ נאמן, דער אַנדערער אַ רואה־חשבון.

*שׂימחה*: *רײַסט זיך אויס פֿון ברוך־הערשס הענט.* ניין, צוויי נאמנים און איין רואה־חשבון, אָדער איין נאמן און צוויי רואה־חשבונס: אַבֿרהמל דער נאמן און אַהרצע מיט בנצען די רואה־חשבונס.

*בחורים*: *שטייען אויף.* נו? נו?

*ראַבינער*: און די בחורים?

*ברוך־הערש*: יונגע צאַפּיקלעך.

*אַהרצע*: די בחורים וועלן זײַן די טשלענעס.

*בנצע*: טשלענעס! טשלענעס!

*שׂימחה*: האָבן מיר, הייסט דאָס, דרײַ גבאָים, צוויי נאמנים, איך מיין איין נאמן מיט צוויי רואה־חשבונס...

*ראַבינער*: ששאַ! וואָס זשע וועט דערפֿון? וואָס וועט פֿון די גבאָים מיט די נאמנים מיט די רואה־חשבונס?...

*אַבֿרהמל*: *אויפֿן טיש אַרויף.* און זעקס טשלענעס.

*אַהרצע*: ניין, זיבן טשלענעס; זיבן בחורים — זיבן טשלענעס.

*בנצע*: זיבן! זיבן!

*ברוך־הערש*: *נעמט זיך צום פֿלעשל מיט גלעזל.* הייסט דאָס, אין אַ גוטער שעה? מעג מען שוין טרינקען לחיים, האַ?

*שׂימחה*: ניין, האָט צײַט, כאַפּט זיך ניט! מע באַדאַרף דאָס אַלץ פֿאַרשרײַבן אויף פּאַפּיר, אין אַ בוך אַרײַנשרײַבן.

*ראַבֿינער*: וואָס פֿאַרשרײַבן? מע באַדאַרף דאָך פֿריִער עפּעס אָפּקלערן וואָס צו טאָן! ניט גלאַט הולאָם אויף דער קאָראָבקע — גבאָים, טשלענעס...

*שׂימחה*: אָט דאָס זאָג איך דאָך, אַז מע באַדאַרף דאָס אַלצדינג אַרײַנשרײַבן אין אַ בוך אַרײַן. מיט וואָס איז אונדזער חבֿרה ערגער פֿון אַלע חבֿרות?

*אַבֿרהמל*: נו, מאַכט מען אַ פּינקס. אַ טײַערע מציאה אַ פּינקס מאַכן?

*אַהרצע*: מי ומי המאַכערס?

*בנצע*: ווער מאַכט דעם פּינקס ווער?

*שׂימחה*: דערויף זײַנען דאָך די בחורים באַשאַפֿן.

*אַהרצע*: חבֿרה בחורים, וואָס שווײַגט איר?

*בנצע*: וואָס שווײַגט איר וואָס?

*מאָטל*: *צו יענקלען.* נו?

*יענקל*: *צו יוסלען.* נו?

*יוסל*: *צו הערשלען.* נו?

*הערשל*: *צו בערלען.* נו?

*בערל*: *צו אַנשלען.* נו?

*אַנשל*: *צו איצלען.* נו?

*איצל*: *האַלט דעם „המגיד“, און איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין די מחשבֿות.* המ... המ... אַאַאַ... *ציילט אויף די פֿינגער.*

*בחורים*: *אַלע צו איצלען.* וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, איצל? אַ שווערע זאַדאַטשע פֿאַר דיר? וואָס קלערט דיר אַ פּינקס מאַכן? עס איז בײַ דיר דאָס ערשטע מאָל, וואָס?

*איצל*: *אַלץ פֿאַרטיפֿט.* ניין, ווייס איך... איר קלער אַלץ דעם פּרט... וואָס פֿאַר אַ פּסוק מע זאָל צוטראַכטן, סע זאָל זײַן ווי געוווּנטשן.

*אַבֿרהמל*: נו, מילא בקיצור, דאָס איז שוין אַ שפּעטערדיקע דאגה! איר מאַכט נאָר אַ פּינקס, סע זאָל זײַן ווי עס געהער צו זײַן, אונדזער חבֿרה זאָל ניט פֿאַרשעמט ווערן קעגן אַנדערע חבֿרות.

*אַהרצע*: ווי אַזוי זשע וועט הייסן אונדזער חבֿרה? מע באַדאַרף דאָך איר געבן אַ נאָמען? צי ניין?

*בנצע*: אַ חבֿרה באַדאַרף דאָך האָבן אַ נאָמען אַ חבֿרה.

*ראַבינער*: וואָס ווערט דערפֿון — יאָ אַ נאָמען, ניט אַ נאָמען? דער עיקר איז דאָך, אַז...

*אַבֿרהמל*: ע, זאָגט דאָס ניט, ראַבינער! יעדע זאַך מוז האָבן אַ באַזונדערן נאָמען.

*ברוך־הערש*: שטותערײַ.

*שׂימחה*: בײַ אײַך איז אַלץ שטותערײַ.

*ברוך־הערש*: *האַלט זיך בײַם פּלעשל.* אַ נאָמען זוכט איר? חבֿרות האָבן מיר שוין גענוג, דאַכט זיך. *ציילט אויף די פֿינגער.* חבֿרה מישניות, חבֿרה תּהילים, חבֿרה מלבֿיש־ערומים, סומך־נופֿלים, רופֿא־חולים, מתּיר־אַסורים... טאָמער וואָלט דאָס געהייסן „חבֿרה נאַראָנים“? האַ?

*אַבֿרהמל*: בײַ אײַך איז אַלץ ווערטלעך.

*ראַבינער*: *שטעלט זיך אויף.* הערט זשע אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן.

*שׂימחה*: *קריכט אויפֿן טיש.* ניין, הערט בעסער, וואָס **איך** וועל אײַך זאָגן!

*ברוך־הערש*: *שלעפּט אים פֿאַר דער האַנט.* וואָס טויג מיר דאָס זאָגן, וואָס דו ווערסט זאָגן?

*אַבֿרהמל*: *קריכט אויפֿן טיש.* לאָזט אויסריידן אַ וואָרט יענעם אויך אַמאָל! ס'איז דיר נאָר אַ קאָמעדיע מיט אַ ייִדן!

*ראַבינער*: איר פֿאַרשטײ גאָרניט, וואָס שפּאַרט מען זיך דאָ? דאָס קינד איז נאָך גאָר ניט געבוירן געוואָרן, און איר טראַכט שוין מכוח אַ נאָמען!

*ברוך־הערש*: איר פֿאָלגט מיך! מע דאַרף דעם נאָמען אויף סים סאָט כּפּרות! אַבי אַ חבֿרה — וואָס טויג דער נאָמען? לאָמיר בעסער נעמען צו קאַפּלעך. זיך אָנגעשריגן, ס'איז אַזש טרוקן אין האַלדז געוואָרן. לחיים, ייִדן! יונגעלײַט, לחיים! לחיים! *טרינקט.*

*אַלע*: לחיים, לחיים טובֿים ולשלום! *מע טרינקט, מע פֿאַרבײַסט. אַלע שרײַען, פֿילדערן, אַרײַנפֿאָרנדיק איינער צום אַנדערן אין די רייד אַרײַן. דער ראַבינער וויל עפּעס אויסריידן זייער אַ נייטיקע זאַך, נאָר מע לאָזט אים ניט. ברוך־הערש פֿאַרבײַסט. די יונגעלײַט האַלטן זיך איינס דאָס אַנדערע צו די מײַלער. די בחורים אַמפּערן זיך צווישן זיך. איצל לייענט דעם „המגיד“, און ברוך־הערש קוקט אויף אים פֿון דער ווײַטנס און לאַכט, ווי איינער רעדט: „קוק אים אָן, דעם שיינעם פּנים מיט דעם בלאַט!“ ... מע רעדט, מע לאַכט, מע שפּאַרט זיך, אַלץ שרײַענדיק און פֿילדערנדיק, צוקלערנדיק אַ נאָמען דער חבֿרה, ביז מע צעגייט זיך. — דער ראַבינער מיט דער ראַבינערשע בלײַבן אַליין.*

*ראַבינערשע*: נו? מיט וואָס איז מען זיך צעגאַנגען?

*ראַבינער*: מיט וואָס? מיט גאָרניט.

*ראַבינערשע*: וואָס הייסט, מיט גאָרניט? נאָך אַלע געשרייען?

*ראַבינער*: לעת־עתּה האָט מען אויסגעקליבן גבאָים, נאמנים און טשלענעס.

*ראַבינערשע*: נו, און ווײַטער וואָס?

*ראַבינער*: און ווײַטער גאָ... *טוט אויס די ברילן און רײַבט זיך די אויגן.* און ווײַטער... לעת־עתּה גאָרניט.

*ראַבינערשע*: לעת־עתּה גאָרניט? *כאַפּט זיך מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און ווערט שיִער ניט צעגאַנגען פֿאַר געלעכטער.*

כאַ־כאַ־כאַ! ס'איז נאָר אַ באַשרײַבונג מיט אײַערע אַסיפֿות און גענוג! כאַ־כאַ־כאַ! אַ קאָמעדיע, אַ ריינע קאָמעדיע!!!

פֿאָרהאַנג

געשריבן אין יאָר 1889.